

# אייער בעיבי איז ערפאלגרייך אריבער די הערן ווידער-סקרינינג אדער דיאגנאסטישע אפשאצונג

**ביטע ברענגט מיט דעם פאפיר צו אייער בעיבי'ס קומענדיגע באזוך מיט זיין העלט קעיר פראוויידער אדער א העלט קליניק.**

אייער בעיבי'ס נאמען ________________________________

אייער בעיבי'ס דאטום פון געבורט ________________________________

דאטום פון ניי-געבוירענע הערן-קראפט ווידער-סקרינינג אדער דיאגנאסטישע אפשאצונג ________________________________

אויער דאקטער'ס נאמען ________________________________

אויער דאקטער'ס טעלעפאן נומער ________________________________

**טעסט וואס מען האט געניצט:**

☐ אטא-אקוסטישע עמישנס (Otoacoustic Emissions, OAE)
☐ הערן מח-שטאם רעאקציע (Auditory Brainstem Response, ABR)

*רעכטע אויער סקרינינג*
☐ ערפאלגרייך אריבער
☐ נישט ערפאלגרייך אריבער
☐ נישט געסקרינט געווארן

*לינקע אויער סקרינינג*
☐ ערפאלגרייך אריבער
☐ נישט ערפאלגרייך אריבער
☐ נישט געסקרינט געווארן

## א ניי-געבוירענע קען ערפאלגרייך אריבערגיין די הערן סקרינינג און נאך אלס האבן הער-קראפט פארלוסט?

יא, הער-קראפט קען זיך טוישן סיי ווען. רעדט מיט אייער בעיבי'ס העלט קעיר פראוויידער אדער פארבינדט זיך מיט א העלט קליניק אויב איינע פון די דערקלערונגען זענען אמת ביי אייער קינד - יעצט אדער אינעם צוקונפט:

- **איינע פון מיין בעיבי'ס ביאלאגישע עלטערן, אדער איינע פון זיינע נאנטע פאמיליע מיטגלידער, איז געווען טויב אדער ס'איז אים געווען שווער צו הערן אלס קינד.**
- **מיין בעיבי איז געווען אין די שפיטאל'ס "NICU" אדער "PICU" - אויך באקאנט אלס די ניי-געבוירן אדער קינדער אינטענסיווע קעיר אפטיילונג (neonatal or pediatric intensive care unit).**
- **מיין בעיבי האט געהאט אן אויפטויש טראנספיוזשן - א ספעציעלע סארט בלוט טראנספיוזשן.**
- **מיין בעיבי האט אדער האט געהאט אסאך אויער אינפעקציעס.**
- **מיין בעיבי האט אדער האט געהאט א שעדיגונג אין קאפ.**
- **כ'מיין אז מיין בעיבי הערט נישט גוט.**
- **כ'מיין אז מיין בעיבי רעדט נישט גוט.**
- **מיין בעיבי'ס אויפפירונג איז אנדערש ווי פון די הערן טשעק-ליסטע אויף די פארקערטע זייט פון דעם פאפיר.**

# הערן טשעק-ליסטע

אט זענען אפאר זאכן וואס א בעיבי קען געוועגליך טון אויב ער איז נישט טויב אדער אויב ס'איז אים נישט שווער צו הערן:

### פון געבורט ביז 3 מאנאטן

- ☐ טרייסלט אויף פון קולות
- ☐ ווערט בארואיגט פון הערן די עלטערן'ס אדער קעיר-געבער'ס קול
- ☐ דרייט זיין קאפ צו אייער קול

### פון 3 ביז 6 מאנאטן

- ☐ דרייט זיינע אויגן און קאפ צו טרעפן אייער קול
- ☐ פלאפלט אן אויסוואל פון קולות
- ☐ האט ליב שפילצייג וואס מאכן קולות

### פון 6 ביז 9 מאנאטן

- ☐ רעאגירט ווען ער הערט זיין נאמען
- ☐ פארשטייט גרינגע ווערטער אזוויו "ניין" און "ביי-ביי"
- ☐ זאגט "דא-דא" אדער "מא-מא"

### פון 9 ביז 12 מאנאטן

- ☐ זאגט נאך פשוט'ע ווערטער און קולות
- ☐ נוצט 2 ביז 3 ווערטער חוץ פון "מא-מא" אדער "דא-דא"
- ☐ גיבט איבער שפילצייג ווען מען פארלאנגט עס פון אים
- ☐ באנוצט זיך מיט'ן אנווייזן צו העלפן קאמיוניקירן

### פון 12 ביז 18 מאנאטן

- ☐ נוצט 7 אדער מער אמת'ע ווערטער - חוץ פון בעיבי קולות
- ☐ פאלגט אויס איינפאכע געזאגטע אנווייזונגען
- ☐ בעט מערערע זאכן ביים נאמען

פאר מער אינפארמאציע: **health.ny.gov/EHDI**

NEW YORK STATE | Department of Health